גוט שבת אלע אידן. נישט לאנג צוריק איז ר׳ מרדכי וואסערמאן (נישט זיין עכטע נאמען) פון ניו יארק געפארן קיין שווייץ זיך אפצורוהן אביסל. ווען ר׳ מרדכי איז געווען אין די האטעל אין די שטאט ״לוגאנו״, האט ער זיך באקענט מיט א גאר אינטערסאנטע איד.

איין טאג ווען ר׳ מרדכי האט געגעסן אין די האטעל האט ער באמערקט א חשוב׳ע אינגערמאן וואס איז כסדר אריין און ארויסגעגאנגען פונעם קאך. באלד דערנאך, האט ר׳ מרדכי געכאפט א שמועס מיט דעם איד.

ר׳ מרדכי האט געשפירט אז דער מענטש איז נישט געווען א פשוט׳ער איד. דער איד, ר׳ אהרן (נישט זיין עכטע נאמען), איז געווען דער משגיח אין דעם האטעל. ער האט אויסגעקוקט ווי א פרומע, אבער די שפראך וואס ער האט גערעדט איז געווען מער גלייך צו דייטש, ווי עכטע אידיש.

ר׳ מרדכי האט געפרעגט דעם איד פון ווי ער קומט. דער אינגערמאן האט געענפערט פאר ר׳ מרדכי אז ער איז געבוירען געווארן אין שווייץ. נאך מער, ער איז געבוירען א גוי, און ער האט זיך מגייר געווען. דער גר האט זיך אוועקגעזעצט און האט אנגעהויבען צו דערציילן אן אינטערסאנטע מעשה ווי אזוי ער האט זיך מגייר געווען.

אהרן׳ס עלטערן זענען געשטארבען ווען ער איז געווען א יונגל, און א גוי׳אישע פעלדארבייטער האט איהם אויפגעצויגן ווי א אייגענע קינד. דער שטיף טאטע האט איהם געשיקט צו לערנען פונקט ווי אלע גוי׳אישע קינדער, אין די שטאטישע תיפלה. פון אלץ יונגל איז אהרן געווען א טיפע מענטש. ער האט אייביג געשטרעבט פון זיין לעבען, מער ווי די אנדערע קינדער. ווען אנדערע קינדער האבן געשפילט, האט אהרן (אפילו אלץ גוי) זיך מתבונן געווען אויפ׳ן השי״ת בריאה.

ווען אהרן איז געווארן אביסל עלטער, האט ער מחליט געווען אז ער וויל זיין א גלח. וויבאלד אז זיינע שטיף עלטערן האבן מסכים געווען, האט אהרן אנגעהויבן צו לערנן אין מאנאסטיר. א גרויסע חלק פון דעם לימוד איז געווען תנ״ך. לערנענדיג תנ״ך האט ער געזעהן אז די פסוקים שטימען נישט מיט די גוי׳עשע זאכן וואס זיי האבן איהם געלערנט אין מאנאסטיר. אהרן, ווער איז געווען אן אמת׳דיגע מענטש, האט געוואלט מיישב זיין די פסוקים פון די הייליגע תורה מיט די גוי׳עשע זאכן (להבדיל אלף אלפי הבדלות) וואס די גאלחים האבן איהם געלערנט.

איז אהרן געגאנגען צו הויפט–גלח צו פרעגן זיינע קושיות. פארשטייט זיך אז דער הויפט–גלח האט נישט געקענט ענטפערן זיינע שאלות. אהרן איז געווארן ערשטוינט: וואס הייסט, דער גלח קען נישט ענטפערן אזעלכע פשוט׳ע שאלות?! דערנאך האט אהרן געזאגט פאר זיין גלח ״די רעליגיע האט נישט קיין פשט!״ דער גלח האט איהם געזאגט מיט א שמייכל: ״דו פארשטייסט יעצט שוין אלעס!״ (געמיינט צו מרמז זיין אז ער אליינס גלייבט אויך נישט אין די שטותים, נאר ער טוט עס פאר געלט.)

אהרן איז געווארן איבעראשט, ווייל ער האט שטענדיג געטראכט אז ער וועט זיין אן ערליך גלח. נאך אפאר טאג האט ער פארלאזט דעם מאנאסטיר, און ער איז קיינמאל נישט מער צוריקגעקומען.

א שטיק צייט דערנאך, האט אהרן אנגעהויבען צו אינטערעסירן אין אידישקייט. איין טאג איז ער געגאנגען צו א ספרים געשעפט. אהרן האט געוואלט קויפן א ספר אבער ער האט נישט געוויסט וואס צו קויפען ווייל ער איז געווען א גוי! דערפאר, האט ער געבעטן דעם ספרים סוחר, אז ער זאל פאר איהם אויסקלויבן א ספר. דער ספרים סוחר האט געגעבן פאר אהרן א ״קיצור שלחן ערוך״ געטייטשט אויף דייטש.

אהרן האט אנגעהויבן צו לערנען אביסל קיצור שלחן ערוך יעדען טאג. יעדע זאך האט ער געלערנט מיט אזא שטארקע דארשט. ער איז געווארן איבערגענומען פון איין זאך: אז ג–ט איז משגיח אויף יעדע ריר פון א מענטש! צוביסלעך האט ער אנגעהויבן מקיים צו זיין די הלכות.

אהרן האט אנגעהויבן צו שפירן א שטארקע שייכות צו דעם אידישען פאלק. ער האט זיך אינטערעסירט אין זיין יחוס, ווייל ער האט געטראכט אז אפשר שטאמט ער פון אידן. א שטיק צייט דערנאך איז ער געוואר געווארן אז זיין טאטע איז געווען א איד! און נאך מער, זיין זיידע איז אמאל געווען ערליך! ער איז שפעטער געוואר געווארן אז ער איז אפשר אן אייניקל פון דעם הייליגן בעל שם טוב פון מיכעלשטאט, זי״ע!

דערנאך, האט אהרן זיך באקענט זיין זיידע וואס איז אמאל געווען ערליך. פארשטייט זיך האט אהרן מיט א שטארקע התלהבות גענומען דערציילן פאר זיין זיידע די פאסירונגען פון די לעצטע פאר יארן, בפרט וועגן זיין החלטה זיך צו מגייר זיין. אהרן איז געווארן איבעראשט צו הערען אז זיין זיידע איז שטארק קעגען זיין החלטה צו מגייר זיין. אהרן האט זיך נישט פארגעשטעלט אז זיין אידישער זיידע וועט זיין דערקעגען! אבער ליידער איז עס געווען אזוי. אהרן׳ס זיידע האט אלעס געטוהן אז אהרן זאל נישט קענען מגייר זיין! קען זיין ווייל די זיידע האט זיך פארשעמט אז ער אליינס איז אראפגעגאנגען פונעם אידישן וועג, ל״ע.

אהרן האט זיך אבער גע׳עקשנט אז ער וויל זיין א איד. א שטיק צייט דער נאך, איז אהרן געגאנגען צום ביאלער רבי׳ן שליט״א. דער רבי האט געשיקט אהרן קיין ארץ ישראל. ווען ער איז אנגעקומען קיין א״י, האט אהרן זיך אינטערעסירט ביי אסאך דיינים זיך מגייר זיין. צום סוף, האט אהרן אויסגעוועלט אין די בד״ץ.

איידער אהרן האט מיישב געווען אז ער וויל ווערן א איד, האט ער געפלאנט חתונה צו האבן מיט א גויטע. ווען ער האט מחליט געווען אז ער גייט זיך מגייר זיין, האט ער געזאגט פאר די גויטע אז ער קען מער נישט חתונה האבן מיט איר, ווייל ער וויל זיין א איד.

די גויטע האט זיך מיישב געווען נאך אסאך טראכטן אז זי וויל אויך זיך מגייר זיין . בית דין האט געזאגט פאר זיי אז אפילו זיי וועלן מצליח מגייר צו זיין, קענען זיי נישט חתונה האבן איינע מיטן צווייטן. (דאס איז לאו דווקא די הלכה, אבער ב״ד האט געוואלט זיי פרובירן.) זיי האבן די ווערטער פון ב״ד געהערט, און זיי האבן סיי ווי סיי געוואלט מגייר זיין. בית דין האט געזעהן אז זיי מיינען עס טאקע ערנסט. נאך אסאך יארן וואס די ב״ד האט זיי געפריוווט, האט בית דין מגייר געווען ביידע. נאך אהיים קומען האט ר׳ אהרן חתונה געהאט מיט איר ״כדת משה וישראל״. ווען מיר ליינען די שורות וואוינען זיי ווי חסיד׳ישע אידן אין שווייץ. היינט צו טאג איז ר׳ אהרן א סופר און א משגיח פאר כשרות. ר׳ אהרן איז שטארק מכיר טוב פארן ביאלער רבי׳ן שליט״א פאר אלע זיינע עצות אין די לעצטע פאר יארן.

רש״י הקדוש זאגט, ״מה תלמוד לומר ונקדשתי, מסור עצמך וקדש שמי...״ וואס קומט דער פסוק צו לערנען? א איד דארף זיך מוסר נפש זיין צו מקדש זיין שם שמים. ד״ה היינט, כאטש אפילו מען דארף נישט מוסר נפש זיין ממש, ב״ה, אבער מען דארף נאך אלס זיך איבערגעבן פארן באשעפער. ד״ה, מען דארף מבטל זיין די אייגענע רצונות, און נאר טון דעם רצון ה׳. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לידיד מוה״ר ברוך אייזענבערג שליט״א לרגל שמחת אירוסי בנו שלמה הי״ו
נתרם לרפו״ש של ר׳ דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 362-3234 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**